STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06232

# MAYNE BLETER

Annie Bushel-Solow

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חנה בושעל-סאָלאָו

# מיינע בלעטער

לידער

אַרויסגעגעבן פון ראַלף ב. סאָלאָו

*ANNIE BUSHEL-SOLOW*

# MAINE BLETER

*POEMS*

Copyright, 1950
By ANNIE BUSHEL-SOLOW
1790 Clinton Avenue
Bronx 57, N. Y.

*Sponsored by* RALPH B. SOLOW

Manufactured in U. S. A. by J. Kaminsky, Art Printing
New York 11, N. Y.



חנה בושעל־סאַלאָו

אַ האַרציקן דאַנק פריינד י. קאַמינסקי פאַר העלפן מיר צוגרייטן דאָס ביכל צום דרוק.

חנה בושעל־סאָלאָו

# אין ליכטיקן אָנדענק

אין ליכטיקן אָנדענק פון די קדושים פון מיין משפּחה, וואָס זיינען אומגעקומען פון די נאַצי־בעסטיעס:

חיה־לאה פריפשטיין־בושעל אין סלאָנים;
שרה־כיענקע פריפשטיין מיט איר פאַמיליע אין ביאַ־ליסטאָק;
הרב אברהם־יצחק בושעל מיט זיין פאַמיליע אין סידרע;
הרב שבתי בושעל מיט זיין פאַמיליע אין יאַנאָווע;
גדליהו בושעל מיט זיין פרוי און טעכטערל אין ווילנע;
חיים בושעל מיט זיין פאַמיליע אין קאָסעווע;
חיה־רחל מיט איר מאַן אין גראָדנע.

# פאָרוואָרט

חנה בושעל-סאַלאָו איז ניט קיין פּנים-חדשות אין דער יידישער פּאָעזיע. זי האָט שוין געדרוקט אירע לידער אין אַ סך פּעריאָדישע אויסגאַבן. יעדן מאָל ווען מיר איז אויסגעקומען צו לייענען אירם אַ ליד, האָט מיר איר אויפריכטיקער טאָן און עכטקייט תמיד ענטציקט. איך האָב אין אירע לידער געזען אַ דיכטערין מיט אמתן טאַלאַנט.

די דיכטערין האָט פון איר ווינקעלע זיך אָפּגערופן מיט לידער אויף די געשעענישן פון אונדזער צייט, זי האָט אין אירע לידער באַוויינט דעם געטאָ-צער, די צעשטערטע היימען פון די חרוב-געוואָרענע שטעט און שטעטלעך.

חנה בושעל-סאַלאָו האָט אויך פריידיקע לידער פון שטילן פאַמיליע-לעבן, לידער פון ליבע, פון וועלט און מענטש. מיט טיפע לעבנס-חכמה פאַרוואַנדלט זי טאָג-טעגלעכקייט און וואָכעדיקייט אין פּאָעזיע.

חנה בושעל-סאַלאָוס לידער זיינען געשריבן איינפאַך, האַרציק, אָן געקינצלטער געמאַכטקייט. זי זוכט ניט דעם ביליקן עפעקט, דעם שרייאיקן פוסטן קלאַנג. זי אַנטפּלעקט דאָס באַהאַלטענע און פאַרבאָרגענע, אויסגעפינענדיק גרויסקייט אין די קלייניקייטן פון טאָג.

שרה רייזין

## מיינע בלעטער

איך קלייב און קלייב און קלייב
דאָס גאַנצע איבערבלייב
פון שפע־יאָרן און מי,
פון יאָרן דאָס ריינע בלי...

איך קלייב און קלייב און קלייב,
פאַרצייכן און פאַרשרייב.
פאַר ווען און פאַר וואָס,
און צו וואָס טו־ איך דאָס?..

ווי קערנער זייט דער זייער,
ווי מיילן ציילט דער גייער,
אַזוי צייל איך די בלעטער
פון פריער און פון שפעטער...

בלעטער אַזוי פיל,
וואָס דערציילן שטיל
פון פרייד און פון פיין,
פון זיין און ניט זיין...

## ניט פאַרגעסט

די ערד, די בערג, די שטיינער
און די פאַרטריקנטע ביינער
קוקן דורך אָפענע אויגן
איבער גראָזן געבויגן.

דערמאָנען דעם ווינד־און־וויי,
דעם לעצטן אויסגעשריי
פון געטריבענע צו גריבער,
יידישע שוועסטער און ברידער.

וואַרשע, ביאַליסטאָק און מינסק,
בריסק, באַראַנאָוויטש און פינסק,
לידע, סלאָנים און ביטען,
אַזוי פיל שטעט אין פייער געוועןן !..

ווינטן רוישן און יאָגן,
דעם יידישן וויי־געשריי טראָגן,
און יעדער פויגל אין נעסט
שרייט: ניט „פאַרגעסט !"

## ווען, דו, מאמע

ווען, דו, מאַמע, וואָלסט זיין
און אין מיין שטוב אַריין,
וואָס וואָלסטו געגעבן
פאַר מיין בענקנדן לעבן ?

גאָלדענע מתּבעות ?
הייליקע קמעות ?
צי גאָר אַ פען און פּאַפּיר
וואָלסטו געגעבן מיר ?

אפשר וואָלסטו זאָגן :
„כדאַי דעם יאָך צו טראָגן
און שירים שרייבן
עס זאָל אַן אָנדענק בלייבן ?..“

## מיין פעלד

איך האָב יאָרן מיין פעלד
געאַקערט, געזייט.
האָבן זיך בלימעלעך
באַוויזן אויף בייט.

בלימעלעך בלויע,
מיט גאָלדענע אויגן
קוקן צו דער זון,
צום ווינט זיך נויגן.

די לבנה ביינאַכט
ברענגט זילבערנע שניר,
דער טוי ברענגט פּערל
פון שענצטן ציר.

זיי טוליען זיך צוזאַמען
מיט בלעטעלעך אַרום
און הערן ניט דעם שטורעם
און וואָלפס געברום.

## פלי, פייגעלע, פלי

פלי, פייגעלע, פלי
צו אַ קבר, אָ שטיין,
וואו שטיל עס רוט
מיין ברודערס געביין.

אַ רויטע בלום וועל איך
צו דיין פיסל צובינדן,
ווי גיך נאָר די זון וועט
אירע שטראַלן צינדן.

די בלום לייג אַוועק
אויפן קבר אַליין,
נאָך איידער דער טאָג
אין די נאַכט וועט פאַרגיין.

אַ גרוס פון זיין קבר
ברענג מיר אַהער,
זיין לעצטן קרעכץ,
זיין הייליקע טרער!

# א בלימעלע

אָט זע ווי דאָס בלימעלע
בייגט איין זיך ביזן שטויב,
זי גיט זיך אָבער באַלד
צו דער הויך אַ הויב.

זי וואַשט אירע בלעטעלעך
אין טוי און אין רעגן,
און שמייכלט אין זונשיין
דעם הימל אַנטקעגן.

ווי פריידיק מיטן קעפּעלע
זי זעטיקט אָן די בין,
און באַשיינט מיט חן
די לאָנקע אַטלאַס־גרין.

ניין, ס'איז דאָס בלימעלע
ניט געפאַלן ביי זיך,
כאָטש דער האַרבסט קומט אָן
אַזוי גיך, אַזוי גיך!..

## צו א קינד

שטערן פאַלן אויף די וועגן,
זאָג, ווער קלייבט זיי אויף ?
און ווער קומט אַנטקעגן
אויף די שטערנס רוף ?

אויף בוימער וואַקסן עפּעלעך
און בלעטעלעך אַ סך,
איבער קינדערס קעפּעלעך
ביימער ווי אַ דאַך.

אין גאָרטן בלומען ווייסע
פליסטערן דורך דער נאַכט,
קוקן צו די גרויסע שטערן
ביז דער טאָג דערוואַכט.

אין נעסטן שלאָפן פייגעלעך
דרעמלען שטיל אַזוי,
מאַכן צו די אייגעלעך
אונטער דעם הימל־בלוי.

## סלאָנים, מיין געבורט־שטאָט

סלאָנים, מיין ליבע געבורט־שטאָט,
ס׳האָט דער שונא פאַרווישט אונדזער טראָט;
צום טויט דיינע קינדער געטריבן,
קיין יידן זיינען ביי דיר ניט פאַרבליבן.

געוועז ביסטו אונדז אַזוי אייגן,
געבוירן ביי דיר און דערצויגן.
יעדעס שטיינדל איז ליב מיר געוועז,
וואו ליכט כ׳האָב צום ערשטן דערזעז.

זינט טויט האָט די פליגל צעשפּרייט,
באַקן ניט יידישע בעקער קיין ברויט;
נייען ניט יידישע שניידער קיין בגדים,
צעבראָכן איז נאָדל און פאָדעם!

די הייזער צעבר׳ענט און געבויגן,
ס׳קוקן ביימער מ׳יט שטאַרע אויגן.
ס׳האָט דער שונא דיינע קינדער
פאַרשניטן ווי שאָף און ווי רינדער.

הימל, שריי אויס דיין געשריי!
וויין אויס, מאַמע־ערד, ווינד־און־וויי!
שטורעם, ניט שט׳יל איין דיין ברום
איבער הייליקע קברים אַרום.

# אויפן וואַסער

וויל ניט קיינער מיינע לידער,
וואַרף איך זיי אַריין אין טייך;
שווען זיי ווי ווייסע טויבן
מיטן שטראָם זיי שווימען גלייך.

אויפן טייך דעם טונקל־בלויען
פאָרט אַ פישער מיט זיין שיף,
שווימט אַ ליד מיינס אים אַנטקעגן —
און ער מיינט עס איז אַ בריוו.

ציט ער עס אַרויס פון וואַסער,
און דאָס ליד, עס פליסטערט צאַרט:
„אָ, דו גוטער פישער, ליבער —
כ'האָב אַזוי נאָך דיר געגאַרט!"

הערט ער פון מיין ליד די ווערטער,
דריקט עס צו זיין האַרצן־מיד,
אין זיין אומעט, אין זיין עלנד
איז פאַר אים אַ טרייסט מיין ליד.

# א קינד

דער ערשטער פּלאַפּל פון אַ קינד
איז ווי דער גלעט פון פרילינג־ווינט;
ווי דער ערשטער שפּראָץ פון אַ בלום,
וואָס אָטעמט מיט דופטן אַרום.

פון אַ קינד די ערשטע טריט,
איז ווי אין מאַי דער ווייסער צוויט,
וואָס פאַלט ווי זילבער צו די טריט,
ווען דער בוים שפּראָצט און בליט.

און דאָס קינד וואַקסט און קוועלט,
פאָרזיכטיק אַ פיסל שטעלט,
שטאַרקט זיך שטיל צו גיין אַליין
איבער שוועלן, איבער שטיין.

און די מאַמע וואַכזאַם היט
פון איר קינד די ערשטע טריט;
איז דאָס לעבן אונדז כדאַי
און די פרייד איז אייביק ניי!

## שרעק

ווען פון די אויגן דאָס ליכט גייט אויס
און עס לעשט די שיין פון לעבן זיך אויס...
גאָט, ניט לאָז מיר אַליין
אין דער פינצטער פאַרגיין.

נעם מיך אין דיינע פליגל,
די נאַכט שרעקט מיך זייער!
צינד אָן דיין גרויסע ליכט
פון חסד און געדויער!

ווען איך גיי אום אַליין
אַזוי הילפלאָז און מיד,
בלויז צו דיר, מיין גאָט,
זינג איך מיין ליד...

# כ׳בין

כ׳בין ווי אַ טייכעלע קליין,
ניט שטאָלץ און ניט שיין.
מיט שטראָמעלעך שטילע,
ווי אַן אָרעמאַנס תפילה.

ווען אַ מענטש וואַרפט אַ שטיין,
דעם שטיין מיר אַליין,
נעם איך אין טרערן און פיין
דעם שטיין אין שויס אַריין...

# א פרייד

עס איז אַזאַ פרייד
מ׳יט דער היים זיך צו פאַראייניקן,
צו וואַשן און צו ריינ׳קן,
הענגען וועש אויף דער זון
און האָבן הנאה דערפון.

עס איז אַזאַ פרייד
צו געבן און דערלאַנגען,
צו קאָכן און קויפן,
צו דינען דאָס הויזגעזינד
אויף יעדן אופן.

עס איז אַזאַ פרייד
צו אויפציען אַ דור
צו געזונד און צו לעבן
און זיך אין גאַנצן
אַוועקגעבן...

עס איז אַזאַ גליק
צו טראָגן אַ פליכט;
אויפשטיין צו גלייך
מיטן זונען־ליכט.
און מיט ליד און ניגון —
אַ קינדעלע פאַרוויגן...

# ש ע פ ע ל ע ך

שעפעלעך געקרייזלטע,
שעפעלעך אומשולדיקע;
הערנערלעך ווייס־זילבערנע,
אייגעלעך געדולדיקע.

וואָלט איך וועלן געפינען זיך
צווישן אייך אין פעלד,
און דאָרט פאַרגעסן גיך
אין דער בייזער וועלט.

און גלעטן אייערע קרייזעלעך,
זיך טוליען צו אייך שטיל;
און אייך דערציילן מעשהלעך
פון צייטן אַזוי פיל.

צווישן גרינע בלעטעלעך
און אונטערן הימל־בלוי,
געווען וואָלט, ליבע שעפעלעך,
מיט אייך מיר גוט אַזוי!

# צ י ר ל

געוואַנדערט דורך די שעפּער
האָסטו לאַנגע דרייסיק יאָר —
שוין שוואַך דיינע אויגן
און גרוי דיינע האָר...

געקומען ביסטו אַ צימער זוכן,
האָסט מיר ניט דערקענט,
און אומעטיק געקוקט
אויף די פרעמדע ווענט...

# א ל י ל י ע

גייט אַ פרוי אין אַ ווייסער קלייד,
אַ ליליע אין פרילינג־פרייד!
צו איר שמייכלט ערד און זון,
גראָז און בוים און אַלץ אַרום.

זי גייט מיט לייכטן, שנעלן טראָט,
אַ בלום פון גרינעם סאָד.
די בלעטער ווייען אין ווינט.
אָ, יוגנט, ביסט גאָטס קינד!

# הפּיסה־פּאַבריק

עס גריילצן די זעגן און ס'שניידן די הובלעס,
עס שיילן פון קלעצער זיך ברעטער אַרויס,
פאַלן די סטרוזשקעס אין דין־ווייכע הורבעס,
און שפּרייטן אויף דיל זיך ווי פעדערן אויס.

שטייען דאָ יונגען פאַרביטערט אין ריי,
און שקלאַפן פאַר אַ לוין פון גראָשנס בלויז.
געבויגן אין דרייען, אין טומל־געדריי.
פאַרטויבט און פאַרטעמפּט פון מאַשינען־געברויז.

דורך וועכטערשע אויגן פון שנאה און האַס,
געמאָסטן ווערט יעדנס שפּאַן אויף דער ערד,
פלאַמט אויג פון וועכטער מיט ציניש שפּאַס,
און אָפט ווערט דאָס סוויסטשען פון בייטשן געהערט...

## א געבעט

גאָט, מיט דיין האַנט
פון חסד באַריר
די שוואַכע טויב
וואָס שטייט ביי דיין טיר!

די פליגל צעבראָכן,
זי קען מער ניט פליען,
דאָס לייב צעשטאָכן,
קען דעם אָטעם ניט ציען.

און זי האָפט נאָך אַלץ
אויפן נס, וואָס וועט קומען,
און צאַנקט נאָך אין פיין
אין צער אין דעם שטומען.

אָט פאַלט, אָט פאַלט
אַ שווערער שטיין
אויף אַ שוואַכער טויב
ביי דיין שוועל אַליין...

## וואו איז דער דיכטער?

וואו איז דער דיכטער
פון ווינד־און־וויי,
וואָס אויסשרייען זאָל ער
אונדזער געשריי?

וואו איז דער דיכטער
פון יאוש און פיין?
ער מוז צו אונדז קומען!
ער מוז מיט אונדז זיין!

צו דער וועלט זאָל ער טראָגן
אונדזער פאָלקס געשריי,
איבער בערג, איבער ימען,
דורך שטורעם־זאַווײ!

איבער נעסטן פון פייגל,
איבער דעמבעס, ווי ריזן —
אונדזער וויי זאָל זיך טראָגן
ווי בליציקע שפיזן!..

# זיבן שטערן

איך האָב געזען זיבן שטערן,
זיבן שטערן אין הימל־בלוי;
האָב איך אין פרייד און טרערן
זיך גענומען אַ שטיקל בלוי...

אַלע שטערן טיף באַהאַלטן,
זיבן בלויז זיינען פאַרבליבן;
איך קוק אין רוים אין קאַלטן
צי איז עפּעס דאָרט פאַרשריבן.

אָ, איר שטערן, מיינע שטערן,
ניט פאַרשווינדט, ניט לעשט זיך אויס!
איך רוף צו אייך דורך טרערן,
אויף מיין הימל קומט אַרויס!

## איך וואָלט וועלן

איך וואָלט איצט וועלן שרייבן
פון זון און גאָלד און הימל,
עס זאָל אַ ליד בלייבן
ווי די שיינקייט פון אַ בלימל.

איך וואָלט איצט וועלן ריידן
פון טייכן און בלויע ימען,
אַזוי שטיל און באַשיידן
דעם פאָדעם פון ליד צאַמען.

נאָר ס׳קומען צו מיר קינדער
מיט דינע, פאַרברענטע פינגער;
זיי קומען אַלץ באַזונדער,
פון פינף יאָר און יינגער...

און מוטערס צו מיר קומען
מיט פאַרברענטע ליפּן,
קויל פון יונגע בלומען,
אַש פון פרילינג־בליטן.

ווערט טיף מיין קאָפּ געבויגן,
די אויגן פול מיט טרערן —
איך וויל זיך פאַר זיי נויגן,
קושן יעדנס שטערן.

## צווישן פּליטים

שיפן קומען, שיפן שטייגן,
איך שטייביים ברעג און טראַכט:
וויפל אָפּגעבראָכענע צווייגן
האָבן פון שטורעם אַ געוואַלדיק געבראַכט?

געוויסן פון שוועסטער, ברידער
און פון די לעצטע טעג;
די זון שיינט איצט ווידער
דאָ אויפן ניו־יאָרקער ברעג.

איינציקע צווייגן פון שטאַמען
קומען אַהער אַראָפּ,
זאָל דער גורל זיי ניט צאַמען
צו האַלטן שטאָלץ דעם קאָפּ.

צווישן פּליטים־ברידער
איז מיר גוט אַזוי,
ווען איך זינגען לידער
און האַרציק באַגריסן זיי.

# א ישראל בלום

אַ בלום, אַ בלום
געשיקט האָט מיר ווער
פון ישראל אַהער,
אין פרייד און אין טרער!

און וואונדער דו זעסט:
פון ישראל אַ בלום!
די בלעטלעך געפּרעסט
מיין האַנט נעמט אַרום!

מיט נאָך בלומען דאָרטן
אויף אייגענער ערד,
געוואַקסן אין גאָרטן —
איז פרייד אונדז באַשערט!..

אונטער זון און ווינט
פון אַ חלוץ געפלאַנצט,
באַוואָסערט פון אַ קינד
אין הייליקן לאַנד!..

כ׳לייג צערטלעך און פיין
אין אַ בוך עס אַריין —
זאָלן ישראלס בלומען
קיין מאָל ניט אומקומען!..

## אַ קאָנדוקטאָר

איך פאָר און פאָר און פאָר,
עס איז מיר אַלץ ניט קלאָר:
ווי ווייט און וואוהין
און וואָס איז דער זין?

פאַרביי לויפן פעלדער
און גרינע וועלדער,
און אָט איז אַ שיינער סאָד,
און אַ מיל מיט אַ ראָד.

איך פאָר ווייטער, ווייטער,
איך זע אַ קו מיט פולן אייטער.
און שעפעלעך מיט ווייסן וואָל
אויף באַרג און אין טאָל.

איך פאָר און פאָר און פאָר
שוין אַזוי־אָ לאַנגע יאָר,
און פרעג נאָך אַלץ וואוהין
און וואָס עס איז דער זין?..

## קום, מיין קינד

מיין קינד, גיב מיר דיין האַנט.
קום, איך וועל דיר פירן,
מיר וועלן עפענען באַנאַנד
אַ סך צויבער־טירן.

זע, די עפּל־ביימער,
דער וויינשטאָק־פּיין!
ווער האָט געזאָגט
זיי זאָלן דאָ זיין?

זע, די אַגרעסן — גרין,
די קאַרשן — רויט,
און די קלעטער־פּלאַנצן
הויך אויסגעשפּרייט.

קום, זע די פרילינג־בלום
וואָס שפּראָצט פון רויער ערד,
ווערט מיט זאַפט און כוח
אַזוי שטיל דערנערט.

קום, זע די טייכן,
די טאָלן און די בערג,
די גרויסע וואונדער, —
גאָטס אייביקע ווערק.

# נ א כ ט

איך האָב דעם גאַנצן טאָג געוואַרט,
אַז קומען זאָל די בלויע נאַכט
מיט אַ זילבער שטערן־קלייד,
מיר ברענגען אַ ביסל פרייד.

מיר ברענגען אַ ביסל רו
ווען טיר און טויער זיינען צו;
מיט זיך אַליין פאַרבלייבן,
עפּעס אויף פּאַפּיר פאַרשרייבן.

די טעג קומען, גייען
מיט געיאָמער און געשרייען,
מיט פּיין און מיט ווייען —
צעברעכן מיר אויף צווייען...

# די אלטע דזשין

בלומען ווייסע, רויטע,
צווישן בלעטער־גרין;
אַלע שיינע בלומען
פלאַנצן וועט איצט דזשין.

זי גראָבט די ערד און גראָבט
און קלייבט אויס יעדן שטיין,
אַז אויפגיין זאָלן בלומען
פונקט ווי זי אַליין.

שיין און גלייך און ווירדיק,
מיט שטאָלצן, הויכן קאָפּ,
וואָס האָט דורך אַלע שטורעמס
ניט געבויגן זיך אַראָפּ.

אַז בלומען וועלן בליען
און בלעטעלעך זיך שפּרייטן,
וועט דזשין, די אַלטע דזשין
זיך צום האַרבסט שוין גרייטן.

## וואוהין?

וואוהין זאָל איך איצט גיין
מיט מיין פּיין און טרויער?
וואו זאָל איך אָנקלאַפּן?
אין וועלכער טיר און טויער?

אַז הערשער פון פעלקער
פון גאָר דער וועלט,
האָבן זייערע שוועלן
מיט שווערדן פאַרשטעלט!

וואוהין זאָל איך וואַנדערן
מיט מיין עלנד און פּיין
און הכנעהדיק בעטן:
„— אָ, לאָז מיך אַריין!"

## גוט איז דעם אָדלער

גוט איז דעם אָדלער
וואָס קען הויך פליען.
דאַרף קיינעם ניט בעטן
צו קיינעם ניט קניען.

וואויל דער וועווערקע
אין טיף־גרינעם וואַלד.
וואו רואיק צווישן ביימער
איר לעבן דערהאַלט.

מיר אָבער ווערן
פון יעגערס געיאָגט,
קיין פאַסיקל ליכט
אונדזער נאַכט ניט פאַרמאָגט.

ווי וועט זיך מיין פאָלק איצט
פון יאוש אויפהויבן ?
וואוהין וועלן קומען
די פאַרוואָגלטע טויבן ?

אַ ביסעלע ליכט כאָטש
זאָל זיין אונדז באַשערט,
אַ פאַסיקל הימל,
אַ רוי שטיקל ערד !..

## שטום איז די גאס

די זאַנגען שפּראָצן,
די פעלדער גרינען.
וואו ביסטו, מיין שוועסטער ?
כ׳קען דיך ניט געפינען.

ס׳איז חרוב די שטאָט,
און חרוב דיין היים ;
שטום איז די גאַס,
געבויגן דער בוים.

דאָ האָבן די רוצחים
געפירט יידן צום טויט !
דאָ איז דער הימל
פון פלאַמען נאָך רויט !

און וואו ס׳האָבן קינדער
מיט פרייד זיך געשפּילט —
וויגט זיך דער בוים איצט
אין טרויער געהילט...

שטום שטייט דער באַרג,
און שטום זיינען שטיינער !
פאַרשטומט איז די געטאָ —
ניטאָ שוין מער קיינער !..

## ווייסע טויבן

אונטער הימלען
ערגעץ אויבן,
פליען, ציִען
ווייסע טויבן.

מיט די פליגל
פּאָכען, יאָגן:
שלום־גרויסן
טויבן טראָגן.

ניט געקומען
נאָך אַהער.
דער וועג, מסתמא,
איז נאָך שווער...

וואַרטן מאַמעס
ביי די שויבן
אויף די ווייסע
שלום־טויבן.

# אברהם משה דיקאָן

הונדערט יאָר שפּעטער,
און אפשר נאָך מער,
וועלן וויינען דיינע ווערטער
דורך דיין ליד און דיין טרער!..

ביסט געווען אַ וואָגלער,
פון לעבן געטריבן,
און דיינע שווערע פּיינען
אויפן פּאַפּיר פאַרשריבן!..

דיין וועג דורכגעשניטן
האָט אַ בלוטיקער סערפּ!
שפּעט איז אויפגעגאַנגען
דיין שפּע אויף דער ערד!..

מיט בלומען און פרוכטן
האָט דיין גאָרטן געבליט...
און דו ביסט געשטאַנען
ווי אַ זאַנג פאַרן שניט!

## דאָס בריוועלע

דריי טעג און דריי נעכט,
אַזוי איז באַשערט,
דאָס בריוועלע ליגט
ניט אַוועקגעשיקט.

ניטאָ וואָס צו איילן,
דער חלום ווייט אויף מיילן;
געבליבן איז די גרויע וואָר, —
און דאָס גאָר, דאָס גאָר...

אַרום איז פּוסט און לער,
און אויפן האַרצן שווער;
אין מיין אויג אַ טרער
און ניט מער, ניט מער...

דריי טעג און דריי נעכט
אַזוי איז באַשערט;
דאָס בריוועלע ליגט
ניט אַוועקגעשיקט.

## מיין באָבע

איך געדענק מיין באָבעס געזיכט,
עס לויכט אויף ווי אין דער פינצטער אַ ליכט.
איר אומעטיק־ליב געשטאַלט
פאַרבלאַסט, פאַרקנייטשט און אַלט.

איינזאַם איז מיין באָבע געווען,
דאָס לעבן האָט איר פאַרזען...
פיל איך איצט די זינד...
כאָטש געווען בין איך דעמאָלט אַ קינד.

# אָ, הימל בלויער

אָ, הימל בלויער, גיב מיר בלויקייט
אויף מיין פענצטער איבער נאַכט!
איך זאָל מער ניט זען די גרויקייט
וואָס האָט זיך איבער מיר צעלאַכט!

אָ, הימל בלויער, גיב מיר שטערן
נאָענט פון מיין פענצטער דאָ!
עס זאָל מיין ליכט ניט פאַרלאָשן ווערן
ביז עס שלאָגט מיין לעצטע שעה!..

## מיין גערטנדל

געהאַט האָב איך אַ גערטנדל
מיט אַלערליי בלומען.
פלעג איך יעדן פרימאָרגן
אין גערטנדל קומען.

באַוואַסערט, באַוואונדערט,
געיעט ווילדע גראָזן,
כ׳האָב דאָס גערטנדל מיינס
אויף קיין טאָג ניט פאַרלאָזן.

און די סאַמעט־בלומען
האָבן מיר געקענט —
פלעגן זיי זיך נויגן
צו מיינע יונגע הענט.

# וואַזאָנעלעך

די וואַזאָנעלעך מיינע
זיי דאַרפן קיין סך:
אַ ביסעלע וואַסער,
אַ היים און אַ דאַך.

טראָג איך דאָס קענדל
צו די בלעטעלעך גרין,
ווען טרוקן די ערד
אונטער זיי איך געפין.

וואַש איך די צווייגעלעך
פאָרזיכטיק אָפּ,
בויגט דאָס וואַזאָנעלע
מיט דאַנק איר קאָפּ.

ווען ווידער אין טיגעלע
ווערט די ערד טרוקן און בלאַסער,
אַ פליסטער פון בלעטעלעך
מיין אויער דערהערט:
„אַ ביסעלע וואַסער!"

## פאַרגאַנגענע יאָרן

פאַרגאַנגענע יאָרן ביי מיין טיר
ווי יונגע פייגל קומען צו מיר.
איך בעט זיי: „קומט אַריין,
גוטע געסט וועט איר דאָ זיין!"

זיי זעצן זיך אויס ביי מיין טיש
און זיי טוען בלעטער אַ מיש.
אויף די בלעטער זיינען געשריבן
לידער, לידער זיבן מאָל זיבן.

און זיי מישן, מישן ווידער, —
קומען אַרויס שוועסטער, ברידער,
די ליבע היים וואו איך בין געבאָרן
און געלעבט מיינע קינדער־יאָרן.

די חברטעס פון מיין גאַס
גייען פאַרביי שטיל און בלאַס.
ווי אויף אַ קינאָ־לייוונט אויף דער וואַנט
איז יעדע געשטאַלט מיר באַקאַנט.

איך זיץ און קוק שטיל און שטום,
אַ טיפער טרויער נעמט מיך אַרום.
געשטאַלטן פאַרשווינדן, איך בלייב אַליין,
און דער טאָג האַלט ביים פאַרגיין.

## די ווייסע טויב

אין שטילקייט און אין פרידן
צו לעבן — גאַרן מיר;
האָט פלוצעם היינט פון דעם
אַ שטראַל געטאָן צו מיר:

ס'איז אַ טויב אַ ווייסע
צו מיין פענצטער צוגעפלויגן
מיט אירע פליגל ברייטע
און אירע מילדע אויגן...

האָב איך צו איר אַ רעד געטאָן:
„— בלייב דאָ! ניט פלי אַוועק!
מיט געפאַרן אַ סך
געשפּרייט איז דער וועג!"

איך האָב אַזוי גערן
געוואָלט איצט באַטראַכטן
דעם סימבאָל פון שלום
נאָך וועלכן מיר שמאַכטן...

נאָר ס'האָט די טויב, די ווייסע,
מיין רוף ניט דערהערט, —
זי האָט גיך זיך פאַרטראָגן
הויך איבער דער ערד.

# אַ דאַנק

אַ דאַנק דיר, גאָט,
פאַר די שטילע ווענט
און פאַרן אויוון
וואו פייער ברענט,
און פונקען וואַרפן
מיט גאָלדענע פינגער,
און ס'ווערט אַזוי
אויפן האַרצן גרינגער...

אַ דאַנק דיר, גאָט,
פאַר אייגענער שוועל,
וואו אויפן טיש
אַ לאָמפּ שיינט העל;
אַ שטול ביי דער וואַנט,
און אַ ריינע בעט
דעם קאָפּ צו לייגן
ווען די שעה איז שפּעט...

אַ דאַנק דיר, גאָט,
פאַר זאַלץ און ברויט,
און ווייסן סערוועט
אויפן טיש פאַרשפּרייט;
פאַר גאָפּל, מעסער —
אַלץ צום טאַקט,
און פאַר דעם זייגער,
וואָס קלאַפּט און קלאַפּט.

# די אלטע היים

געוועזן איז מיר ליב די אַלטע היים,
די הייזער קליינע פול מיט חן;
די באַרן־ביימער מיט זילבער־צוויט,
די שיינע בלומען אין גאָרטן צעבליט.

די ווייסע שטיינער אויף אונדזער גאַס,
דער הימל טיף און ווייט און בלאַס;
ייִנגלעך, מיידלעך פון מיין גרויס,
און דאָס פעלד, — נאַטורס גרינער שויס.

די געלע בלומען ביי דעם ברעג,
די בלויע שטיינדלעך ביי דעם וועג;
די גרינע לאָנקעס אַרום וואַלד,
די קליינע נעסט געבויט פון שוואַלב.

דער שבת־טיש, די רו אַרום,
מיין טאַטנס ניגון שטיל און פרום;
פון קידוש־גלאָז דאָס ביסל וויין,
די שבת־ליכט מיט העלן שיין.

# צום זשורנאל „אייגנס"

געקומען ביסטו אין טאָג אין גרויען,
אַן אָנגעלייגטער גאַסט ביי מיר;
ברענגסט אַ גרוס פון ווייטע בלויען
און אַ וואַרעמען זון־שטראַל, צו מיר.

אין דיינע טריט דערהער איך קלאַנגען,
פאַריאָגן זיי דעם וויי פון מיין האַרץ;
כ׳ווער אָפּט פון דיין צויבער געפאַנגען,
איז די נאַכט מער ניט פינצטער, שוואַרץ.

קומסט צו מיין שוועל אין גרין־רויטער קלייד
פון טומל און יאָך אַזוי מיד;
ברענגסט מיר אַזוי פיל פלאַטערדיקע פרייד,
מיט האַרציקן וואָרט און מיט ליד.

## מיין פּאָטערס בילד

װען שלאָגן װעט מיין שעה
און איך װעל דאַרפן גיין,
װעט מיין פּאָטערס בילד
בלייבן איין־אַליין.

ס׳װעלן אפשר זאַמדן, שטויבן
פאַרדעקן זיין געזיכט,
דאָך װעט שטראַלן אויבן
אַ הייליק ליכט!

מיין פּאָטערס בילד
געװען איז מיין עמוד!
כ׳האָב אין שװערער שעה
געװיינט פאַר אים תמיד!

אויב אין אַ קעלער
װעט גורל דאָס בילד פאַרטראָגן,
װעט עס לייכטן העלער
פון די פאַרטאָגן!

## פרילינג קלאנגען

ציפּ — ציפּ — ציפּ —
זינגט אַ פויגל אויף אַ בוים.
ציפּ — ציפּ — ציפּ —
ענטפערט צווייטער פונעם רוים.

זיפּ — זיפּ — זיפּ —
ציט אַ סטאַיע פייגל ווייט,
זיפּ — זיפּ — זיפּ —
צוריק אַהיים, פון דרום־זייט.

פּי — פּי — פּי —
פּישטשען פון אַ נעסט אַרויס,
פּי — פּי — פּי —
פּיצינקע, אין מאַמעס שויס.

זיף — זיף — זיף —
קלייבט די מאַמע שפּייז פאַר זיי,
זיף — זיף — זיף —
קאָרמעט מאַמע קינדער צוויי.

גו — גו — גו —
טוליען זיי אין איר זיך איין,
גו — גו — גו —
שלאָפן זיי מיט מאַמען איין...

# מיינע פערל

מיין שנירעלע פערל
אַלץ שיטערער ווערט,
כ׳קוק מיט באַדויער
מ׳יט אויגן פאַרטרערט.

יעדער יאָר אַ פערל
פון מיין שנירל פאַלט אָפּ,
אַ טיפער קאַרב
ביי מיר שטעלט זיך אָפּ.

האָבן זיך קאַרבן
פיל אָנגעקליבן...
ווייניק פערל
איז מיר שוין פאַרבליבן.

איך וויל זיי ניט ציילן,
פאַרדריי איך דעם קאָפּ.
פון שנירל די פערל
זיי פאַלן אַראָפּ...

# א מאמעס געבעט

מיין זון אין אַנקל סעמס אַרמיי,
איינער פון מיינע זין די צוויי.
נאָך יונג אַזוי און שוין אַ סאָלדאַט,
ער איז דאָך נאָך אַ קינד כמעט!..

גייט ער איצט אין ווייטער וויט,
קיין שוועסטער, ברודער ביי זיין זייט.
בעט איך, אַז די שטרייפן־שטערן
זאָלן זיינע היטער ווערן!

און עס זאָל אויף זיינע שווערע וועגן
גאָטס חסד קומען אים אַנטקעגן,
און ווי אַ פריינד, אַ יעדער ווינט
זאָל זאָגן „שלום" צו מיין קינד!..

# וואו ביסטו?

א מתנה ע. פליישמאַן

וואו ביסטו, קליין מיידעלע, אין דער אַלטער היים?
אונטער אַ בוים שטיל, אין געהיים
האָב איך דיך געלערנט אַלף, בית, גמל, דלד, היי.
וואו ביסטו היינט אין גרויל און געשריי?

דו האָסט געזען אַ וועלט פון ביקסן און קוילן,
די שטילע היימען אין פייער און גרוילן!
פאַר דיינע אויגן הונגער און נויט,
נעכט אָן שלאָף און טעג אָן ברויט!

איך הער איצט ביינאַכט דיין רוף און געשריי,
כ'האָב דיך געלערנט אַלף, בית, גמל, דלד, היי.

# צו דער קריסטלעכער וועלט

אָ, קריסטלעכע וועלט,
גיב מיר אָפּ מיין הויז!
מיין אַרבעטס־וואַרשטאַט,
מיין גאָרטן, מיין רויז!

גיב מיר אָפּ מיין ווייב,
מיין מוטער, מיין קינד,
וואָס זיינען איצט
צעשפּרייט אויפן ווינט.

אָ, קריסטלעכע וועלט,
גיב מיר אָפּ מיין ווינקל.
גרוי איז איצט אַזוי
און טרויעריק טונקל!

גיב מיר אָפּ מיין גאַס,
מיין כבוד, מיין ראָג!
גיב מיר אָפּ צוריק
מיין ליכטיקן טאָג!

## שול-קינדער

האָב איך מיר אַ ייִנגעלע,
האָב איך אויך אַ מיידעלע,
קויף איך אים אַ בגדל,
קויף איך איר אַ קליידעלע.

וואַש איך זיי, פּוץ איך זיי,
איך קעם זיי מיט אַ קאַם;
איך זינג דערביי אַ ניגונדל —
בים, באַם, באַם.

שיק איך זיי אין שול אַריין,
לערנען זיי זיך יידיש,
זיי לייענען, זיי שרייבן,
עס איז גאָר אַ חידוש!

נעמט דער לערער זיי אַרום
האַרציק און צופרידן,
און בענטשט די קינדערלעך,
צו וואַקסן שטאָלצע יידן!

## פ י י ג ע ל ע ך

ציטערן פייגעלעך
הינטער מיין פענצטער,
זיי קומען אין שטורעם און שניי.

ס'איז אפשר ביי מיר
דער טאָג, דער שענצטער,
ווען איך גרייט עסן פאַר זיי.

ווען די ערד איז מיט שניי
און פעלדער — פאַרפראָרן, —
צו מיין פענצטער קומען זיי
אַזוי שוין פון יאָרן.

זיי קומען אין פוטערלעך
פון נאַטור אויפגענייטע,
מיט גאָר אַ סך פעדערלעך
פאַרן ווינטער פאַרגרייטע.

אַ שפּראָץ נאָר אויף טאָג,
אין גאַס נאָך האַלב־פינצטער —
גיבן זיך פייגל אַ טראָג
גלייך צו מיין פענצטער!

די שפייז וואָס איך גיב זיי —
זיי שלינגען און שלינגען;
פון פראַסטיקע שנעבעלעך
געזאַנגעלעך קלינגען...

## צו מיין ײנגעלע

שפּיל זיך, מײַן ײנגעלע,
פרײ זיך, מײַן קינד.
דרײסט װי דער אָדלער
און פרײ װי דער װינט.

זעמדעלעך גאָלדענע
פאַראַן איז אַ סך,
בױ זיך אַ שטיבעלע
מיט אַ גאָלדענעם דאַך.

שטעל צונױף װענטעלעך
פון ברעטלעך און לײם,
פאַר דײַן גאָלדענעם חלום
אַ שטילינקע הײם.

שפּיל זיך, מײַן ײנגעלע,
פרײ זיך מײַן קינד,
שטאָלץ װי דער אָדלער
און פרײ װי דער װינט.

# פלאטער, פייגעלע, פלאטער

פלאַטער, פייגעלע, פלאַטער,
דיינע פליגל ניט פאַרמאַטער.
„אַט קומט אַ טאָג און — באַלד
שוין האַרבסט!״ — זינגט דער וואַלד.

פלאַטער, פייגעלע, פלאַטער,
דיינע פליגל ניט פאַרמאַטער.
אַט קומט אַ טאָג און שוין אויס,
די זון שיינט מער ניט אַרויס.

פלי, פייגעלע, פלי
אַנטקעגן זוניקן גלי,
איבער זילבער־צוויט
שפּרייט לופטיקע טריט!

צו מיין פענצטער, פייגעלע, קום,
ליב ביסטו מיר פּונקט ווי די בלום.
ווי דאָס געריוויש פון טייכעלע קליין
אַזוי ריין ביסטו און שיין.

## מײַן אלטע היים

מײַן אַלטע היים, איבער װײַטע בריקן,
װאו טאַטע־מאַמע אין קבר ליגן;
און איך דאָ מיט פאַרבענקטע בליקן,
איך הער גאַנץ אָפט מײַן טאַטנס ניגון.

שױן שפּעט בײַנאַכט, — אַלע שלאָפן,
איך גײ מיר אַרױס אין גאַס אַלײן.
מײַן פאָטערס הױז שטײט אָפן,
און יענער ניגון קומט צוגײן.

מײַן פאָטער איבער אַ ספר געבױגן,
לערנט בײַם בלײַך־לאָמפּס העלע ליכט;
צאַרט און מילד זײַנע ליכטיקע אױגן,
הײליקײט שטראַלט פון זײַן געזיכט.

זײַן ניגון טראָגט זיך אונטער די שטערן,
לבנה שפּאַצירט זיך רואיק פאַרטראַכט;
װי צױבער־קלאַנגען לאָזט זיך דער ניגון הערן
אין שטילער, זילבערנער נאַכט.

# קינדערלעך

(אין פאָלקס־טאָן)

געהאַט האָט זי צען קינדערלעך,
אוי, שיינינקע ווי גאָלד,
און ברויט און מילך אַיעדן טאָג,
אוי, האָבן זיי געוואָלט.

זאָגט די מאַמע: „היינט איז מער ניטאָ,
ס׳איז צייט שוין שלאָפן גיין,
און גאָט וועט שיקן ברויט אַ סך,
ווען עס וועט די זון אויפגיין.“

די קינדער שלאָפן דורך דער נאַכט,
מלאכים קומען צו זיי
און ברענגען מילך און ברויט אַ סך
אויף אַ וואָגן היי.

דער מאָרגן וועקט די קינדער אויף,
זוכן זיי אומזיסט דאָס ברויט.
געזען אַזוי פיל עסן ביינאַכט —
אין ווינקל לאַכט די נויט.

## מ׳יר ווע‍לן געדענקען

פֿאַרשטייסטו, וועלט,
די גרוילן און שרעק,
דעם מאַרש פֿון טויט,
דעם פֿייערדיקן וועג ?

אָ, קוק צוריק
און זע און שטוין !
מיליאָנען פֿון אונדזער
פֿלייש און ביין

אונטער די מערדערס
גרויזאַמע הענט
פֿאַרפּייניקט, צעבלוטיקט, —
צום סוף — פֿאַרברענט.

אָ, וועלט, אָ, וועלט,
מיר וועלן געדענקען !
מיר וועלן געדענקען
און קיין מאָל ניט שענקען !

## אין דאָרף

איך זיץ צווישן געלע בלעטער
וואָס קייקלען זיך איבער דער ערד.
דער האַרבסט איז היינט אַ שפּעטער,
אַ רויטע זון איבער בערג.

ברוינע קי טרינקען פון שטראָם,
דאָס וואַסער יאָגט מיט גערויש,
אַ פּאַסטעכל קומט דאָ אָן,
פון וועלדל ער׳שט אַרויס.

דאָס פּאַסטעכל גייט ווייטער
און טרייבט די סטאַדע פּאַרויס;
די קי מיט פולע אייטערס
ציען זיך צום פּאַרם־הויז.

פּעטע מילך און פּוטער
ברענגען זיי צום שייער,
דאָס פּאַסטעכל אַ גוטער
האַלט די סטאַדע טייער.

דאָ איז אַ שפּע אַ גרויסע.
אַ וואונדער גאָטס ווערק!
די זון פּאַרגייט אַ הייסע,
און קושט די הויכע בערג.

## פארברענט א פעקל לידער

איך האָב אַ פּעקל לידער
פאַרברענט אויף גרויען אַש,
ניט פרעג מיר, פריינד, ווידער
פאַרוואָס מיין פּנים איז בלאַס.

כ'האָב דאָס אַש צעמישט מיט ערד,
כ'וועל פאַרזייען בלומען,
מסתמא איז אַזוי באַשערט
זיי זאָלן ניט אומקומען.

לידער וואַקסן דורך טרערן,
דורך זאַפטן פון געביין, —
וועלן אונטער זון און שטערן
בלומען רויטע אויפגיין.

די זון וועט זיי באַגריסן
אין דעם מאָרגן־בלוי,
בלעטלעך וועלן שפּראָצן צווישן
ווייכן פּערל־טוי.

## דזשאָו

גערוועזן איז ער גאָר יונג
בייגעוודיק און דין,
ווי אַ סאָסנע־ביימעלע
אין איר פרילינג־גרין.

געפאַלן איז ער אין אָקינאַוואַ
אויף פרעמדער ערד,
דער ליבער, קליינער דזשאָו,
פאַרשניטן פונעם שווערד!

געפאַלן אין שלאַכט,
אין שטורעם, אין פייער,
געקעמפט מיטן שונא
און באַצאָלט טייער.

איצט וואַקסט אַ ביימעלע
ביי אַ בערגל געבויגן.
צווישן בלעטעלעך
פינקלען זיינע אויגן!

בלויע אויגן, דרייסטע
פון אַ יידישן העלד —
און אַ מגן דוד
אויף זיין קבר העלט...

# מײַן קינד

איך האָב דיר, מײַן קינד,
מײַן בלוט אָפּגעגעבן.
כ'האָב דיך אין װײכן פּוך געהילט
כּדי דו זאָלסט לעבן.

פֿון װאָלענע פּעדים
דיר העמדלעך געשטריקט.
אין לאַנגע נעכט
דיך געטוליעט, געװיגט.

איצט ביסטו אין דרויסן,
דער טאָג איז מיר װיסט און טריב.
שװאַרצע קראָען שרײַען:
„מיר האָבן מלחמה ליב!"

# פרענקלין ד. רוזוועלט

דורך דער שווערער פינצטערער נאַכט
אַ שטראַל פאַר אונדז האָט אויפגעשיינט,
וואָס מילד און צאַרט און ליכטיק מאַכט
דעם חושך פון טרויעריקן הייגט.

געבענטשט זאָל זיין, דריי מאָל געבענטשט,
פרעזידענט רוזוועלטס גרויסע האַרץ!
פון מענטשן, אָט דער גרויסער מענטש
פאַריאָגט די שאָטנס פינצטער — שוואַרץ.

# עס ברענען די ווענט

(אַ מתנה לינע טווין)

עס ברענען די ווענט,
אין פלאַמען די טירן,
נאָר דו, מיין גאָט, קענסט
מיך פון פייער אַרויספירן!

מאַמע, מיין מאַמע,
נעם מיך ביי דער האַנט!
עס פאַלט, עס פאַלט
אַ שווערע וואַנט!

פיר מיך אַרויס
פון געפאַר און טויט!
דיינע מאַמעשע הענט
ווי פליגל צעשפרייט!

פיר מיך צו אַ ברעג,
מיט אַ זיכערן וועג.
מיט רו און שטילקייט
באַגלייט מיינע טעג!

## מיין נאָענטסטן פריינד — סאָלאָו

נעסטן האַלטן זיך אויף צווייגן
און פייגעלעך רוען אין זיי,
דאָס דאָרף איז געוויקלט אין שווייגן
און אָט שלאָגט אויס דער זייגער צוויי!

עס הערט זיך אַ מענטשנס טראָט,
אויפן וועג קיין ליכטיקע שיין.
דער מענטש קומט איצט פון שטאָט
אין דעם רואיקן דאָרף אַריין.

ער איילט צו היים און קינד
דורך נאַכטיקער שעה אַזוי מיד,
באַגלייט פון אַ קילן ווינט,
די נאַכט זינגט אויס אַ ליד.

אין הימל פינקלען שטערן,
שיינען און סודען זיך שטיל.
דעם וועג זיי באַלויכטן גערן
דורך נעכט אַזוי פיל...

## איך זע פייגל פליען

איך זע פייגל פליען
איבער דעם פרייען, ברייטן פעלד,
וואו די ביימער בליען
און שמייכלען צו דער וועלט.

וויל איך אַהין קומען
בלעטעלעך קלייבן,
באַוואונדערן די בלומען
און אַ ליד שרייבן.

כ׳וויל נידערן צו טאָלן,
דאָרט וואו עס זינגט דער ווינט,
און טראַכטן פון די אַמאָלן
ווען איך בין געווען אַ קינד.

צווישן בלעטער פאַרהוילן
הערן דעם סאָלאָוויי,
פאַרגעסן וועלטס גרוילן
און שטיל איינדרעמלען אַזוי!

# מיין שיף

ס׳ציטערן די זעגלען,
מיין שיף איז אין שטורעם.
וואַסער־בערג אַרום, —
ניטאָ קיין ליכט־טורעם...

מיין שיף קרעכצט אין ווייטיק,
אין דער שטורמישער נאַכט,
ס׳האָט קיינער מיין שיף
קיין הילף ניט געבראַכט.

מיין שיף איז אין פייער, —
עס ברענען די טירן!
עס פאַלט דער קאַפּיטאַן
וואָס דאַרף צום ברעג אונדז פירן.

איך רוף צו גאָט
אַ נס זאָל קומען.
עס רוישט דער ים, —
די כוואַליעס ברומען.

# טרערעלעך

טרערעלעך ווי פּערעלעך
איר קייקלט זיך אַזוי.
לייכטער ווערט אין האַרצן
און שטילער ווערט מיין ווײ!

ווער האָט מיין ליכט געצונדן,
און ווער לעשט עס אויס?
ווער האָט מיין האַנט געבונדן
און זאָגט: „די פרייד איז אויס?"

דער הימל איז נאָך ליכטיק,
מיין זומער איז נאָך דאָ!..
ווער איך האַלטן טייער
— יעדער טאָג און שעה.

# דער גאסט פון ווייט

מיט ציטער אין טראָט
ער שטעלט זיך אָפּט אָפּ,
ער גייט איבער שטאָט,
געבויגן זיין קאָפּ.

ווער איז ער, דער אַלטער ?
צי ווייס ווער זיין נאָמען ?
אַלט איז זיין בגד —
ווער קען אים דערקענען ?

ער קומט פון די ווייטן
וואו אַלץ איז אין פייער,
וואו ער האָט געצאָלט
מיט בלוט, אַזוי טייער !

דאָ פילט ער זיך עלנד,
אַליין און פאַרלאָזן.
פרעמד איז אים אַלץ דאָ, —
די ביימער, די גראָזן.

קומט ער אין שול נאָר —
לעבט ער אויף ווידער.
דאָ טוליעט ער זיך
צו יידישע ברידער.

## מ. לעווין

דער בלינדער סקולפּטאָר
שטיל געבויגן,
קלעפּט אויס פיגורן
מיט פאַרמאַכטע אויגן.

ער קלעפּט און קנעט
אין חושך געדיכט,
אויף זיין געזיכט
אַ סודותדיק ליכט.

ער פיילט און מעסט
און ווערט ניט מיד,
און דאָס ווערק
זינגט זיין ליד.

די פיגורן, געשטאַלטן
קוקן מיט ליבע
אויף דעם מייסטער
דעם אַלטן.

טוליעט ער זיך
צו די פיגורן צו
און געפינט
טרייסט און רו.

## מלכה לעווין

זי גייט מיטן בלינדן
און היט אָפּ זיינע טריט,
אין שטאָטישן טומל, —
מאַשינען אין דערמיט...

זי לייענט אים ביכער,
און צויבערט זיין שעה.
געבענטשט איז דאָס אָרט,
וואו אַ מענטש אַ גוטער איז דאָ!

אין פשוטער קליידונג
געהייליקט איז דער שטעג, —
וואו זי קומט צו גיין
ווערט ליכטיק דער וועג.

די זון, קוקט אַרונטער
און שמייכלט אין איר גרויס:
זעט ווי צווישן דערנער
וויגט זיך אויך אַ רויז.

## מיין ברודער שעפּסעלע

ווײַסע שטײנדעלעך,
בלויע שטײנדעלעך,
און מיין ברודערס
יונגע ביינדעלעך.

עס האָט קיין מצבה
קיינער ניט געשטעלט,
אַן איינזאַמער קבר
אַליין שטייט אין פעלד...

וואַקסט שוין דאָרט
אַ גרינער בוים,
איינגעהילט
אין בלויען טרוים.

און דער ווינט איז
קיין מאָל ניט מיד,
וויגט דעם בוים
און זינגט אַ ליד.

ברענגט ווינט-גרוסן
מיר אַהער
און טראָגט צוריק
מיין הייסע טרער!

# א געבעט

גאָט, שטרעק אויס דיין האַנט
צו די שטילע, פאַרזעסענע,
טעכטער פאַרגעסענע!
אָן אַ היים, אָן אַ פריינד,
אָן אַ מאָרגן, אָן אַ היינט!

גאָט, לאָז ניט אומקומען
די, וואָס האָבן פון לעבן
נאָך גאָרנישט גענומען,
און האַלטן אין וויאַנען
ווי אין האַרבסט די בלומען!

# ישׂראלס האמערס

ישׂראלס האַמערס
אין שוואונג קלינגען,
די חלוצים
בויען און זינגען!

זיי צעאַקערן
וויסטע פעלדער
און פאַרפלאַנצן
גרינע וועלדער!

און זיי שניידן
גאָלדענע זאַנגען
מיט גרויס פרייד
און מיט געזאַנגען!

און זיי פלאַסטערן
נייע וועגן, —
פליטים קומען
זיי אַנטקעגן!

זיי העלפן בויען,
זיי העלפן פלאַנצן,
ס'איז יום־טוב, —
אַלע טאַנצן!

## דאָסביימעלע

וואַקסט אַ ביימעלע אויפן פעלד
און שפּראָצט מיט בלעטעלעך פיל.
זון איבער איר שיינט און העלט,
די צווייגעלעך סודען זיך שטיל.

שטייט דאָס ביימעלע אין אַ בלעטער־געוועב
אַרום איר שאָטנס ווייכע, בלויע,
ביימעלעס גרינע צווייגן־צעפּ
באַצירן די ערד, די גרויע.

וויגט זיך דאָס ביימעלע אַהער און אַהין,
קעמט דער ווינט אירע צווייגעלעך שיין;
אירע בלעטעלעך זיינען אַטלאַס־גרין,
ווי אַ יונג מיידעלע איז זי פול מיט חן.

אָפט ווען איך קום אין פעלד אַהער
און איך זע דעם שיינעם בוים,
פינקלט אין מיין אויג אַ טרער,
אויף יעדן צווייגל הענגט אַ טרוים...

# א ווינט־מיל

אויף אַ באַרג שטייט אַ מיל
מיט פליגל גרויסע.
קומט אַהין יעדן טאָג
דער מילנער משה.

מאָלט ער ווייץ און קאָרן,
צייטיק־ברוינעם קאָרן,
און קיין איין קערנדל
גייט דאָרט ניט פאַרלאָרן.

מאָלט ער מעלן אַלעריי,
פאַר זעמל און פאַר ברויט,
מאָלט און מאָלט אַ גאַנצן טאָג
ביז די זון פאַרגייט.

# ברענג א קראנץ בלומען

ווען דו גייסט אַוועק אין פעלד,
ברענג אַ קראַנץ בלומען
צום אַמעריקאַנער העלד,
וואָס איז אומגעקומען.

ברענג אַ קראַנץ בלומען
אויפן קבר פון אַ העלד.
בויג זיך אָן שטיל
און קוש דאָס פעלד.

ער איז דאָך געגאַנגען
קעגן ביקס און שווערד,
כדי פון הענקער
זאָל זיין פריי די ערד!

ברענג אים דעם אָנזאָג
פון טיפן האַרץ אַרויס,
אַז הייליק איז זיין אָנדענק —
אין אונדזער יעדן הויז...

לייג אַ קראַנץ בלומען
אויפן קבר פון אַ העלד.
בויג זיך אָן שטיל —
און קוש דאָס פעלד.

## אָ, קאַפּיטאַן!

אָ, קאַפּיטאַן, עס זינקט די שיף!
עס ציט, עס ציט צום אָפּגרונט טיף!

אָ, קאַפּיטאַן, נאָך אַ טאָג, נאָך אַ שעה,
שטיי ביים רודער כל־זמן לעבן איז דאָ!

שטיי מוטיק, ניט גיב אויף די שיף!
עס ברויזט דער ים, דער אָפּגרונט איז טיף!

האַלט די שיף איבער'ן ברויזנדן ים!
ניט אויסלעשן זאָל זיך דער לעבנספלאַם!

אָ, קאַפּיטאַן, נעם אויף מיין געבעט
כל־זמן עס איז נאָך ניט צו שפּעט.

# באלד קומט אָן די לאנגע נאכט

איך זיץ אונטערן שאָטן פון אַ בוים
און האַלט די אויגן צוגעמאַכט.
אַ שטים פליסטערט מיר געהיים:
„ס׳קומט באַלד אָן די לאַנגע נאַכט!״

זיץ איך צווישן קינדער קליין,
אַרום אַ טומל, אַ גערודער,
מיין געדאַנק מיט זיך אַליין,
אַ קאַפּיטאַן אָן אַ רודער.

אַ קאַפּיטאַן אויף אַ ברעט,
מיין שיף איז אָפּגעשוואומען.
אַ שטים זאָגט: „ניט פרעג, ניט בעט,
זאָלן ליפּן שטומען״.

# האַרבסט

געלע, רויטע בלעטעלעך
פאַלן שוין פון בוים,
קייקלען זיך אויף דער ערד
איבער שטיינער און ליים.

ס׳קוקט דער גרויער הימל
מיט פאַרטרערטע אויגן,
אַלע בלעטעלעך
שוין באַלד פאַרפלויגן.

אין וועג גייט אַ מענטש
אַן אַלטער, אַ גרויער,
קלאַפּט מיט זיין שטעקן
אין שטילן טרויער.

שאַרט מיטן שטעקן
די בלעטעלעך קליין,
און הערט דעם טרויער
פון אייגענעם פאַרגיין...

## ווינטער

שטייען קראָען אויף אַ בוים,
שרייען צום הימל —
קוקט אַ וואָלקנדל אַראָפּ,
וואָס אַזאַ טומל ?

און די קראָען שרייען ווידער
און פליען אַוועק,
אויסגעזונגען הונגער־לידער
און לאָזן זיך אין וועג.

און אַרום איז שניי און אייז,
געפראָרן איז די ערד,
און די קראָען שרייען, שרייען,
אַ וואָלקנדל זיי הערט.

אַ געדיכטער שניי פאַלט און פאַלט,
קיין עסן איז ניטאָ —
פליען קראָען הונגעריקע
אונטערן הימל־גרוי.

## איך זע דיין טרער

איך זע, שוועסטער, דיין ציטערדיקע טרער,
וואָס שווימט איבער ימען ווייט אַהער;
כ׳זע דיין פּנים, בלייך און מאַט
פון שווערן וואָגלען, פון נע־ונד.

זע, די זון גייט אויף אין מזרח־זייט,
ביים האָריזאָנט אין ווייטער־ווייט;
מיט אַזוי פיל פרייד קומט לעבן,
וואָס ווערט יעדן גרעזעלע געגעבן.

קלייב צונויף יעדע פרייד,
כאָטש אַלט און צעקנייטשט איז דיין קלייד.
זאָל זיין געבענטשט יעדע שעה,
יעדער טאָג וואָס מ׳יר זיינען דאָ!

עס פלאַטערן יונגע טויבן,
פול מיט מוט און טיפן גלויבן.
דער נייער טאָג שוין קומט אַנטקעגן —
באַגריסט די חלוצים אויף די וועגן.

# עס שווימט א שיף

עס שווימט, עס שווימט אַ שיף
מיט העלדן פון אונדזער אַרמיי,
בראַווע זין פונעם פאָלק,
וויביימעלעך זיינען זיי.

ס'פינקלען שטערן אין הימל
איבער דער שיף אין דער הויך,
די קוימענס, פריילעכע, ברומען,
עס ציט זיך אַרויף דער רויך.

די זין אונדזערע איילן אַהיים
מיט געוואונענעם כבוד און זיג.
זיי קומען, זיי קומען צוריק
פון שווערן און ביטערן קריג.

די פאָן פון שטרייפן און שטערן
באַגלייט זיי אויף דעם לאַנגן וועג,
זי פלאַטערט פאָרויס, פאָרויס
צום היים-געגאַרטן ברעג.

גאָט, ברענג בשלום די שיף
אַריבער די כוואַליעס שוואַרץ;
עס וואַרט און גאַרט ביים ברעג,
יעדער מאַמעס צאַפּלדיק האַרץ!

# אנטוישונג

דער זייער האָט זיין פעלד
געאַקערט, געזייט,
מיט וואונדיקע הענט
די קערנערלעך געשפּרייט...

שפּעטער האָט דער זייער
פאַרבראָכן מיט די הענט,
ער האָט זיין פעלד
כמעט ניט דערקענט...

איז דאָס די שפע
וואָס איז אויפגעגאַנגען?
נאָדלדיקע דערנער
שטאַט גאָלדענע זאַנגען?

## צו דער זון

אָ, גאָלדענע זון —
גיי ניט אַוועק!
עס ציען זיך כמאַרעס
איבער אונדזערע טעג!

באַלויכט און באַשיין
אונדזערע גאַסן,
וואו ס׳שפּילן זיך קינדער,
שטיפן און שפּאַסן.

און ניט זיי ווייסן,
און ניט זיי פאַרשטייען,
אַז ס׳ראַנגלט די וועלט
זיך ווידער אין ווייען.

אָ, גאָלדענע זון,
שטיי, ניט פאַרשווינד!
שיק ליכטיקע פרייד
יעדן מענטשן־קינד!

מיט גאָטס גענאָד
שפּרייט דיינע פליגל.
זאָל זינגען רואיק
יעדע מאַמע ביים וויגל.

## די ווייסע ליליע

געשפּראָצט האָט אַ ליליע אַ ווייסע
אונטער די זוניקע שטראַלן,
פלעגן די גאָלדענע שטראַלן,
אויף די ווייסע בלעטעלעך פאַלן.

האָט די גוטע מאַמע־ערד
די בלעטעלעך מיט זאַפט גענערט,
צו לעבן שטיל אין פריידן
האָט די ליליע באַגערט.

איז אַ שטורעם אָנגעקומען
מיט אַ בייזן, ווילדן ברומען
און האָט די צאַרטע בלעטלעך
פון דער ליליע אַוועקגענומען.

ס'האָט זיך דאָס הוילע שטענגעלע
מיט פרישן טוי אָנגעזויגן,
און שטיל אַזוי צו די גראָזן
זיך אַראָפּגעבויגן.

און אַלע מאָל ווען ווינטן
נעמען רוישן, יאָגן, בלאָזן,
בייגט זיך דאָס שטענגעלע
גלייך מיט אַלע גראָזן.

# א צווייגעלע

עס שווימט אַ צווייגעלע,
עס קען צום ברעג ניט קומען.
עס האָבן בייזע כוואַליעס
דאָס צווייגעלע פאַרנומען.

קומט אָן אַ ריזן־שיף
מיט קוימענס גרויס און אַלט.
ציטערט אויף דאָס צווייגעלע, —
אָט, קומט דער סוף, אָט באַלד.

קלאַמערט זיך דאָס צווייגעלע
אין דעם וואַסער קלאָרן,
און די אַלטע שיף
איז פאַרבייגעפאָרן...

פרייט זיך דאָס צווייגעלע,
„לעבן געבליבן!‟
און די פרייד און צער,
אויף כוואַליעס איז פאַרשריבן...

# איך האָב ליב

איך האָב ליב די ווייסע בלום,
די רויע מאַמע ערד,
דאָס גרינע פעלד אַרום
און די הויכע שטאָלצע בערג.

איך האָב ליב דעם שאַרף פון גראָז,
דעם פליסטער פון דער זאַנג,
דעם ציטערדיקן האָז,
און פון בלעטער דעם קלאַנג!

איך האָב ליב די ברייטע פעלדער,
די גערטנער געטונקט אין גרין,
די פאַרצווייגטע אַלטע וועלדער,
וואו פריי עס זשומעט די בין!

# איך וועל גיין

איך וועל גיין אין פעלד לערנען פון גראָזן,
צו לעבן אין רו, ווען ווינטן בלאָזן.

איך וועל גיין אין וואַלד און לערנען פון בוים;
צו לעבן אין רו אונטערן רוים.

כ'וועל גיין צו דער זאַנג מיט שטילע טריט,
און הערן געזאַנג פאַרן שניט.

איך וועל פרעגן דער שמעקעדיקער בלום,
פאַר וועמען פאָרט איז איר פאַרפיום?

איך וועל גיין צום שטיין,
וואָס טראַכט קיין מאָל ניט פון פאַרגיין.

איך וועל גיין צום טייך וואָס רוישט און יאָגט,
און אַזוי פיל פרייד אין די טיפענישן טראָגט!

# אינהאַלט:


| | זייט |
|---|---|
| אין ליכטיקן אָנדענק | 5 |
| פאָרוואָרט | 6 |
| מיינע בלעטער | 7 |
| ניט פאַרגעסט | 8 |
| ווען, דו, מאַמע | 9 |
| מיין פעלד | 10 |
| פלי, פייגעלע, פלי | 11 |
| אַ בלימעלע | 12 |
| צו אַ קינד | 13 |
| סלאָנים, מיין געבורט־שטאָט | 14 |
| אויפן וואַסער | 15 |
| אַ קינד | 16 |
| שרעק | 17 |
| כ׳בין | 18 |
| אַ פרייד | 19 |
| שעפעלעך | 20 |
| צירל | 21 |
| אַ ליליע | 22 |
| תפיסה־פאַבריק | 23 |
| אַ געבעט | 24 |
| וואו איז דער דיכטער | 25 |
| זיבן שטערן | 26 |

איך וואָלט וועלן — 27
צווישן פּליטים — 28
אַ ישראל בלום — 29
אַ קאָנדוקטאָר — 30
קום, מיין קינד — 31
נאַכט — 32
די אַלטע דזשין — 33
וואוהין — 34
גוט איז דעם אָדלער — 35
שטום איז די גאַס — 36
ווייסע טויבן — 37
אברהם משה דילאָן — 38
דאָס בריוועלע — 39
מיין באָבע — 40
אָ, הימל בלויער — 41
מיין גערטנדל — 42
וואַזאָנעלעך — 43
פאַרגאַנגענע יאָרן — 44
די ווייסע טויב — 45
אַ דאַנק... — 46
די אַלטע היים — 47
צום זשורנאַל „אייגנס" — 48
מיין פאָטערס בילד — 49
פרילינג קלאַנגען — 50
מיינע פערל — 51
אַ מאַמעס געבעט — 52
וואו ביסטו? — 53
צו דער קריסטלעכער וועלט — 54
שול־קינדער — 55
פייגעלעך — 56

צו מיין יינגעלע — 57
פלאַטער, פייגעלע, פלאַטער — 58
מיין אַלטע היים — 59
קינדערלעך — 60
מיר וועלן געדענקען — 61
אין דאָרף — 62
פאַרברענט אַ פעקל לידער — 63
דזשאָו — 64
מיין קינד — 65
פרענקלין ד. רוזוועלט — 66
עס ברענען די ווענט — 67
מיין נאָענטסטן פריינד סאָלאָ — 68
איך זע פייגל פליען — 69
מיין שיף — 70
טרערעלעך — 71
דער גאַסט פון ווייט — 72
מ. לעווין — 73
מלכה לעווין — 74
מיין ברודער שעפּסעלע — 75
אַ געבעט — 76
ישראלס האַמערס — 77
דאָס ביימעלע — 78
אַ ווינט־מיל — 79
ברענג אַ קראַנץ בלומען — 80
אָ, קאַפּיטאַן! — 81
באַלד קומט אָן די לאַנגע נאַכט — 82
האַרבסט — 83
ווינטער — 84
איך זע דיין טרער — 85
עס שווימט אַ שיף — 86

אַנטוישונג — — — — — — — — — — — — — — — — — — 87
צו דער זון — — — — — — — — — — — — — — — — — — 88
די ווייסע ליליע — — — — — — — — — — — — — — — — — 89
אַ צווייגעלע — — — — — — — — — — — — — — — — — — 90
איך האָב ליב — — — — — — — — — — — — — — — — — — 91
איך וועל גיין — — — — — — — — — — — — — — — — — — 92